(1923)

Remizov

ש. ניגער.

# מאָדערנער מיטאָס.*)

1.

„... און אַלע האָבן געזען איבער פּעטערבורג אַ וואונדערלאַכן צייכן. פיר נייע רויטע זונען האָבן זיך געוויזן אויפ'ן הימל, אַ זילבערנער גאַרטל האָט ארומגעגאַרטלט דעם הימל און איבערן גאַרטל אַנטקעגן די זונען פינף זונען ווייסע, און פון זון צו זון אַ רעגנבויגן איבער גאָט'ס זון, איינער איבערן אַנדערן, און איבערן רעגנבויגן — אַ קרוין". — אַזוי דערציילט אַלעקסיי רעמיזאָוו אין זיין ווערק וועגן די ערשטע טעג פון דער גרויסער רוסישער רעוואָליוציע.

צי ער האָט אַליין געשאַפן די וואונדערלאַכע זעהונג, אין גייסט פון רוסישן פאָלק, צי ער האָט עס איבערגעגעבן טריי פון פאָלקס־מויל — ס'איז אַלץ איינס דאָ אין דעם פאַנטאַסטישן בילד אַ רעאַלער זין. עס איז אַ פּרואוו אָנצואווינקען אויף די גרויסע, אומגעריכטע, אויסערגעוויינטלאַכע ענדערונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען. דאָס איז דאָך ניט סתם אַזוי געווען אַ נייע זאַך, ווי עס טרעפט אָפּט; אַ נייער הימל איז אויפגעגאַנגען איבער דער פאַרציטערטער ערד, מיט נייע זונען, רויטע זונען, ווייסע זונען...
ווי זאָל מען דאָס אויסמאָלן? ניט די פּרטים קאָנען אויסגעמאָלט ווערן (וועמען אַרט עס אַגב פּאָר פּרטים, ווען מען שטייט איבעררא‌שטע, דורכגעלויכטענע, אויפגעציטערטע פאַר'ן געזיכט פון אַ נייער וועלט?) נאָר דער עצם פאַקט פון דער קאָלאָסאַלער ענדערונג, די עצם אומגעריכטקייט און וואונדערלאַכקייט פון דער נייער ערא, וואָס איז אָנגעשטאַנען, זוכט אַן אויסדרוק פאַר זיך... אין דעם זעלביגן ווערק פון רעמיזאָוו זיינען פאַראַן „רעאַליסטישע" עפּיזאָדן, פאַקטן, געשעהענישן פון דער צייט, ווען די רעוואָליוציע האָט אויסגעבראָכן; אָבער זיי זאָגן אונז ווייניג. דאָס פאַנטאַסטישע, אַפּאָקאַליפּטישע בילד פון די פיר רויטע זונען, פון די פינף זונען ווייסע, וואָס האָבן זיך געוויזן פּלוצלונג אויפ'ן הימל, איינע אַנטקעגן די אַנדערע, מיט רעגנבויגנס צווישן זיי, מיט אַ קרוין איבער די רעגנבויגנס, — איז אַ קלערערער, שאַרפערער, גאַנצערער צייכן פון דער גרויסער געהיימניספולער צייט, פון דער גרויסער מורא און האָפנונג, פון דער פינסטערער און הייליגער מלחמה צווישן כוחות, תקופות און וועלטן, ווי די אַלע אויספירלאַכע „רעאַליסטישע" פּרטים. וואָס זיינען אַלע שאָלאַכצן, ווען דאָס לעבן עפנט זיך פאַר אונז און ציינגט אונז זיין אינווייניגסטן קערן? די אַזוי־אָנגערופענע לעבנס־בילדער זיינען דאָך ניט קיין שאָלאַכץ אפילו פון דעם אמת'ן לעבן, וואָס ווערט אַנטבלויזט אין אויפגעשטורמטע צייטן. זיי גיבן אונז פאַלשע צייכנס, די כלומרשט רעאַליסטישע בילדער. זיי פאַרפירן אונז, זיי צעברעקלען, צעשטויבן אונזער אויפמערקזאַמקייט, בעת עס איז נויטיג איר טיפסטע קאָנצענטרירונג, כדי צו כאַפּן דעם עיקר אין דעם תוהו ובוהו פון די צעווילדעוועטע שטורמס. זיי גיבן אונז די „גענויע" מעסטונגען פון דער ווירקלאַכקייט, וואָס האָט פאַרוואָרפן אַלע מאָסן, — נאָר רגע'ס. זיי גייען פאַרביי און זיי רירן ניט אָן דאָס דויערנדיגע, דאָס גרויסע, וואָס איז דאָ אין דעם אימפּעט פון די זיךיאָגנדיגע, אַנטלויפנדיגע פּאַסירונגען. עס מוז זיין אַ זעהונג; מיט זען קאָן מען ניט אויסקומען. עס מוזן געברויכט ווערן מיטלען, וואָס גיבן אַ פורעם און

*) זע „דאָס נייע לעבן", 1: „די נייע וועגן איז דער קונסט".

אַ געשטאַלט דער צערודערטער, צערייצטער פאַנטאַזיע און דאָך לאָזן זיי זי פריי, זי זאָל קאָנען פליען, שוועבן לייכט און שנעל, — מיטלען, וואָס צוימען דעם פעגאַס און מאַכן אים צוגלייך יאָגן זיך משוגענערווייז.

עס איז נויטיג די פאַראייניגונג פון דער העכסטער מאָנומענטאַליטעט מיט דער גרעסטער באַוועגלאַכקייט.

ווי זאָל מען עס דערגרייכן ? מיט די כוחות פון דעם ביז־איצטיגן רעאַליזם ? אָבער רעאַליזם איז אויס רעאַליזם, ער האָט מער אין זיך נישט קיין רעאַליטעט, קיין ממשות, ווען עפּעס אַ שמשון הגבור כאַפּט אָן און טראָגט אַוועק די סלופּעס פון דער ווירקלאַכקייט, ווען עפּעס אַן עוג מלך הבשן שפּרייזט אומגעלומפּערט איבער די אויפ־געברויזטע וואַסערן, און אונזערע צעשראָקענע אויגן זעהען קוים די ריזיגע קנעכלאָך. אַ פאַנטאַסטישע וועלט קאָן נאָר מיט פאַנטאַסטישן געווער ווערן איינגענומען. אין אַפּאָקאַליפּטישע צייטן קאָן מען שאַפן נאָר — אַפּאָקאַליפּסן, אויב מען וויל ש א פ ן, ניט נאָכהינקען נאָכ׳ן אימפּעטיגן לעבן, אויב מען וויל זיך טראָגן זעהעריש איבער זיינע כוואַליעס, ניט פאַרפּלייצט ווערן פון זיי, ווי אַן אומבאַהאָלפן און בלינד שפּענדל.

אין אויסערגעוויינטלאַכע צייטן האָט דער קאָלעקטיווער דיכטער, דאָס פאָלק, אַזוי ווי דער איינציגער דיכטער, געזען תמיד וואונדערלאַכע צייכנס אויפ׳ן הימל אויבן און אונטן אויף דער ערד. ער האָט שטענדיג אין אַזעלכע מאָמענטן פון דער געשיכטע געשאַפן מ י ט ן, ל ע ג ע נ ד ע ס.

אַפילו אין געוויינטלאַכע צייטן טרעפט, אַז עס ווערט פאַרווירקלאַכט דער וואונ־דערלאַכער אַקט פון מיטאָס־שאַפונג, פון געטער־געבורט, פון העלדן־התגלות. דאָס איז ווען דער זוכנדיגער, וואַגנדיגער באַוואוסטזיין פון מענטשן, פון פעלקער, וויל אַנטאַפּן דאָס ה אַ ר ץ פון דער וועלט, טרעפן די טיפסטע רעטעניש פון דער נאַטור, אַנטפּלעקן דעם סוד פון לעבן. ווען מענטשן ווילן מער ניט שפּייזן זיך מיט שטיקלאַך און ברעקלאַך, וואָס וואַלגערן זיך אונטערן טיש פון די געטער, ווען עס וואַכט אויף אין זיי דער דרייסטער פאַרלאַנג און דער מעכטיגער ווילן צו זיצן ביי איין טיש מיט די האַרן פון דער וועלט און ווערן גלייך מיט זיי, כ ד י ז י י צ ו ק ע נ ע ן, וואָרים „נאָר גלייכעס קאָן גלייכעס פאַרשטיין“, — ווען אין מענטשן צינדט זיך אָן אָט די גרויסע, הייליגע, זינדיגע גלוסטונג, פאַרלאָזן זיי דעם טאָל פון טאָג־טעגלאַכקייטן, קלעטערן אויף די געפערלאַכסטע שפּיצן פון בערג, בויען טורעמס ביז צום הימל און פון דאָרט, פון דער הייך, דונערט זייער שטים און טראָגט זיך צו די וועלטן פון דער צוקונפט, ווי גאָט׳ס וואָרט און גאָט׳ס שליחות. נביא׳יש ווערט דאַן די זעהונג פון דיכטער, איבערמענטשלאַכע, געטלאַכע מאָסן ווערן דאַן געברויכט פון אים.

האָבן מענטשן געקאָנט איבערגעבן זייער שווימיגע התפּעלות פון ים, זייער ברע־גענדיגע אַנטציקונג פון ליכט, זייער וואונדערן זיך און נישט קאָנען זיך אָפּוואונדערן איבער דעם כח פון מענטשלאַכן שאַפן, זייער ציטערן און פלאַטערן פאַר דער גע־היימניש פון בלינדע און מעכטיגע ליידנשאַפטן, — מיט די אָרימע אויסדרוקס־מיטלען, וועלכע זיי האָבן געוויינטלאַך געברויכט ? נאָר די געשטאַלטן פון העלדן, האַלב־געטער, געטער, האָבן געקאָנט געבן אַ פאָרם די אַלע מעכטיגע און ריזיגע ערשיינונגען. ווען די „רעאַליסטישע“ קונסט־פאַנטאַזיע פון די גריכן האָט געוואָלט פ אַ ר מ ע נ ט ש ל אַ כ ן די גרויסע אומפאַרשטענדלאַכע כוחות, האָט זי אָנגעפילט

די ערד מיט א י ב ע ר מ ע נ ט ש ל א כ ע באשעפענישן. זי האָט געוואָלט שאַפן געטער־מענטשן, געשאַפן האָט זי מענטשן־געטער.

דער העראָאישער און געטלאַכער רעאַליזם פון דער גריכישער מיטאָלאָגיע האָט גאָרנישט צו טאָן מיט דעם היינטיגן רעאַליזם פון קאַרליקעס. יענע ווירקלאַכקייטס־געשטאַלטונג איז געווען צו גלייכער צייט א מעכטיגע פּאָטענצירונג פון דער ווירקלאַכקייט, אַן איבערגעשטאַלטונג. די מיטלען, וואָס זיינען געברויכט געוואָרן פון איר, זיינען געווען פונקט אזוי ריזיג מאָנומענטאַל, ווי דאָס ציל, וואָס זי האָט זיך געשטעלט.

אזוי איז געווען, ווען די פאַנטאַזיע פון מענטשן און פעלקער האָט געזוכט אַן אויסדרוק פאַר די גרויסע ערשיינונגען און אייביגע געזעצן פון דער נ ַא ט ו ר. איז עס אויך, ווען זי וויל פאַראייביגן אין זכרון פון דער מענטשהייט די גרויסע פּאַסירונגען פון דער ג ע ש י כ ט ע. וואָס זיינען דען אונזערע מ י ט ן פון מבול, פון דור הפלגה, פון יציאת מצרים, פון מתן תורה, פון די משיחים, — און וואָס זיינען דען די אַלע טונקעלע וויזיעס פון אפּאָקאַליפּסיס, אויב ניט די דיכטונג פון עפּאָכן, ווען עס האָבן אויסגעבראָכן גרויסע פּאַסירונגען, איבערקערענישן, קאַטאַסט־ראָפעס, אנטפּלעקונגען?

„רעאַליסטיש" קאָן זיין די קונסט פון א צייט, ווען דער מענטש גייט אויף זי־כערע וועגן, און אַלץ איז קלאָר. ווען אַלץ צערינט און צעפאַלט אַרום, ווען עס צי־טערן די פונדאַמענטן פון דער וועלט, דאַן קאָן זיך דער קינסטלער שטיצן נאָר אויפ'ן אור־שטאָף, וואָס דאַרף ווידער פון כאַאָס אַרויסשיינען און אויפבליען, און נאָר די אור־עלעמענטן פון לעבן, זיינע אייביגע אַלגעבראַאישע פאָרמולעס, ניט די זיך ענ־דערנדיגע קאָנקרעטע ערשיינונגען, קאָנען געפינען א תיקון אין דער קונסט פון אזא עפּאָכע.

אזא עפּאָכע איז די, ווען מיר לעבן, און אויך איר קונסט, אויך איר דיכטונג מוז זיך ווענדן צו דער גרויסער, אייביגער א ו ר ־ ש ט אָ פ ל א כ ע ר רעאַליטעט. די אַלע אומזיכער־געוואָרענע, אומרעאַל־געוואָרענע „בילדער פון לעבן" מוז זי לאָזן אויפגיין צעשמאָלצענערהייט אין ערשיינונגען פון העכערע דימענסיעס. זי מוז, מיט אַנדערע ווערטער, שטרעבן צו דערנענטערן זיך צו יענע דרייסטע, אומענדלאַך־פאַראַלגעמיינערנדיגע און פונדאַמענטאַלע אויסדרוקס־מיטלען, וועלכע עס געברויכט דער געטער־ און וועלטן־שאַפנדיגער מיטאָס. זי מוז זוכה זיין צו יענער וויזיאָנע־רישקייט, צוקונפטיגקייט, נביאות, וועלכע לייכט און ברענט אין די פאַנטאַסטישע טונקלקייטן פון אַפּאָקאַליפּסיס. עס איז פאַר איר די גרעסטע געפאַר צו גיין אויפ'ן וועג פון צעברעקלונג, צעמישונג און צעפאַלונג, אויפ'ן וועג פון כאַאָס, וואָס אויף אים גייט די איצטיגע ווירקלאַכקייט. זי מוז זיך אַרויסראַטעווען און העלפן דער ווירקלאַכקייט זיך אַרויסראַטעווען פון דעם אַלץ צעשמעלצנדיגן קאַלך־אויוון. ניט אַנטלויפן פון דעם תוהו ובוהו איז איר חוב (עס איז ניטאָ, וואוהין צו אַנטלויפן), נאָר א ו י פ ה י י ב ן זיך און שוועבן איבער דעם, ווי א גייסט פון פרייער שאַפונג.

די אמת־מאָדערנע שטרעמונגען אין דער קונסט זיינען די, וואָס זאָגן עדות אויף אָט־דעם ווילן אירן א ו י פ צ ו ה י י ב ן ז י ך. אמת'ע צייט־דיכטונג זוכט צו באַהערשן די צייט, ניט צו בלייבן באַהערשט פון איר. באַהערשן, פאָרמירן דעם כאַאָס פון גרויסע צייטן קאָן מען אָבער בעסער, ווי מיט אַלע אַנדערע מיטלען, מיט די מיטלען פון מיטאָס. און די אַלע בלאָנדזשענישן פון דער מאָדערנער קונסט זיי־

נען .בלאַנדזשענישן אויפֿ'ן וועג צו דערווידערגעבורט פֿון מיטאָס. דאָס שטרעבן
צום פּרימיטיוו, וואָס פֿילט אָן די ראַפֿינירטסטע ווערק פֿון דער היינטיגער קונסט,
דאָס זוכן די אור־פֿאָרם, וואָס כאַראַקטעריזירט דעם קוביזם, די קינדישע שטאַמ־
לענישן פֿון דאַדאַאיזם, די נ אַ ק עֶ ט עֶ ד י כ ט ו נ ג (אַ וואָרט פֿון מלך ראַ־
וויטש) און די גוואַלד־געשרייען פֿון עקספּרעסיאָניזם — דאָס איז דער מדבר, וואָס
פֿירט צום הייליגן לאַנד פֿון אַ נייער מיטאָלאָגיע.

אויך די גראָטעסק־פֿאַנטאַסטישע („האָפֿמאַנשע") טענדענץ, וואָס מערקט זיך
E.T.A. Hoffmann
אַפֿילו אין די „רעאַליסטישע" ווערק פֿון דער מאָדערנער דיכטונג, איז אַן אומבאַ־
וואוסטזיניגע צוגרייטונג צום מיטאָס־שאַפֿן. (אָן דער געפֿליגלטער דרייסטקייט פֿון
דער פֿאַנטאַזיע קאָן ניט זיין קיין מיטאָס).

אויך דאָס אָפֿטע אַרויסטרעטן פֿון דער מ אַ ס עֶ, פֿון דעם ק אָ ל עֶ ק ט י ו ו
(פֿון אַזוינע מאַסנהאַפֿטע איבעראינדיווידועלע אָרגאַניזמען, ווי די שטאָט, דער
קריג, די רעוואָלוציע, דער פּראָלעטאַריאַט) אין דער נייער דראַמע, אין דעם נייעם
ראָמאַן, אין דער מאָדערנער ליריק — איז אַ וועג אָדער, ריכטיגער, אַן אומוועג צום
מיטאָס. דאָס איז דער פֿאַרבאָרגענער וואונש פֿון דער היינטיגער קונסט איבערצו־
וואַקסן די איינציגע אינדיווידועלע ערשיינונגען, אויפֿצוהייבן זיך ביז צו זייער אַל־
געמיינעם געזעץ, דערגראָבן זיך צום שורש. ניט דער אָדער יענער פּאָרטרעט און
אַפֿילו ניט דער אָדער יענער טיפּ פֿון אַ מענטשן, נאָר ד עֶ ר מ עֶ נ ט ש; ניט
די אָדער יענע צייטלאַכע פּאַסירונג, נאָר ד י צ י י ט — איז די איינציגע רע־
אַליטעט, אויף וועלכער מיר קאָנען זיך אָנשפּאַרן אין שטורם פֿון די נישט־אויפֿ־
הערנדיגע ענדערונגען. און דאָס איז שוין אַ וואונק אויף יענער וועלטן־ און דורות־
אַרומנעמענדיגער ברייטקייט, אויף יענעם אוניווערסאַליזם, וואָס איז איינע פֿון די
הויפּט־אייגנשאַפֿטן פֿון מיטאָס־דיכטונג. עס מאַכט ניט אויס, וואָס די געשטיי־
גערטע מאָס פֿון דער היינטיגער דיכטונג איז דערווייל נאָר אַ מאָס פֿון ב ר י י ט:
עס וועט קומען דער גאון, וועט זיין אויך אַ ה י י ך און אַ ט י פֿ. און דאַן
וועט געשאַפֿן ווערן די גרויסע, איבערפּערזענלאַכע, איבערמענטשלאַכע מיטאָס־גע־
שטאַלט פֿון די היינטיגע צייטן.

## .2

דערווייל קומט פֿאַר אַ מיניאַטור־שאַפֿונג און ערב־שאַפֿונג פֿון מיטאָס.

מיט פֿאָרשטודיעס, עקסקיזן, פֿראַגמענטן פֿון מיטאָלאָגישער געשטאַלטונג איז
פֿול די גאַנצע דיכטונג פֿון דער היינטיגער צייט. מען מערקט זיי אויך אין דער
אידישער ליטעראַטור.

אַמאָל זיינען זיי אָפּגעפּרישטע עכאָס פֿון דער אַלטער טראַדיציאָנעלער מיטאָ־
לאָגיע. אָפֿטער פֿילן זיך אין זיי געבורטס־ווייען פֿון אַ נייער פֿאַרזינליכונג פֿון געט־
לאַכע ערשיינונגען לויט פּלאַטאָ'ס דעפֿיניציע פֿון מיטאָס.

אַ ביישפּיל פֿון באַנייטן ט ר אַ ד י צ י אָ נ עֶ ל ן מיטאָס אין דער אידישער
פּאָעזיע איז די נאָר־וואָס אָפּגעדרוקטע פּאָעמע „מטטרון", פֿון אהרן צייטלין (פֿאַר־
לאַג „אַלט־יונג", וואַרשע, 1922). די פּאָעמע איז, לויט אירע קינסטלערישע מיט־
לען, עקלעקטיש: דער מאַטעריאַל פֿאַר אַ סטיל, וואָס איז דאָ אין דעם יונגן דיכטער,
איז נאָך רוי, ניט קריסטאַליזירט. אָבער איין זאַך אין דער „אַפּאָקאַליפּטישער
פּאָעמע" איז זיכער ווערטפֿול און סימפּטאָמאַטיש: דאָס איז דאָס שטרעבן צו

עפענען דעם פ ר ד ס פון אונזער געהיימניספולער צייט מיט דעם שליסל פון דער אלטער אידישער מיטאָס־געשטאַלט: — מטטרון.

מטטרון, דער „שר פון ווערן און צעשטערן", דער האר פון דער געשיכטע, איז דער שר און האר פון אונזער צייט; אירע שטורמס, אירע פלאַמען, אירע תפלות און איר טייוולשער געלעכטער, אירע רויטע זונען און איר פינסטערניש, איר חורבן און איר שאַנד און איר געשריי נאָך הילף און איר וואַלגערן זיך אין שמוץ און טומאה — איז דער סוף, אָבער אויך דער אָנהייב פון אַ וועלט, — זאָגט אונז מיט זיין „מטטרון" דער מאָדערנער אַפּאָקאַליפּטיקער. דער כאַאָטישער געמיש פון פיינדלאַכע סתירה'דיגע כוחות, וואָס שטורמט איצט אין דער וועלט און אין אונז אינעווייניג, — איז דער ל ע צ ט ע ר כאַאָס, די ל ע צ ט ע אויסשטורעמונג פון דער טאָפּלטקייט און צעריסנקייט, וואָס איז דאָ אין לעבן, און אַז דאָס וועט זיך ענדיגן, וועט די וועלט געפינען איר תיקון, זי וועט זיך אומקערן צוריק צו איר מקור, צו איר אורשפּרינגלאַכער איינהייט, און עס וועט קומען גאָטס צייט, גאָטס קעניגרייך (ניט אין דעם טריוויאַלן סאָציאַל־אַלעגאָרישן, נאָר אין דעם אמת'ן, מיס־טישן, רעליגיעזן זינען פון דעם וואָרט) — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אים הערן שוין ערשטע דערוואַכער, אים קענען ותיקין!
רויב־פויגל איז ער געווען, נאָר צום סוף פון דער וועלט וועט ער קריגן זיין תיקון
און נאָענט איז דער סוף פון דער וועלט שוין! און נאָענט דער אָנהייב
דער גוואַלדיגער!
וואָס שוואַרצער דער וואַלד איז דער צייטס, וואָס פאַרפּלאָנטערטער, וואַלדיגער,
אַלץ ניכער, אַלץ באַלדיגער
קומט ער, דער העלער, דער פרייער, דער פעלדישער,
דאָס קינד פון באַשעפער,
דער קיניג דער העלדישער!

פון חלום דער צייטס, פון איר חלום אַליין קומט דער טרעפער.
זאָל ניכטערקייט לאַכן, זאָל צווייפל זיך קרימען, זאָל טויבקייט נישט הערן —
ס'וועט ווערן, ס'וועט ווערן, ס'וועט קומען און ווערן!
ס'וועט ווערן און קומען! ס'וועט ווערן און קומען! ס'וועט ווערן און קומען!

נישט לאַנג וועט די שלאַנג נאָר פאַר'זוהמאַ'ן די ערד און פאַר'טומאה'ן:
מיר וועלן איר ווייזן, וואָס גאָט הייסט, דער מומען!
אַרויסרופן וועט פון דער וועלט־לאַבירינט
דער שופר מטטרונ'ס אַ הימלישן אינד —
און דער אינד, וועט מיט ריקוד־פּיס שנעלע צעטרעטן די שלאַנג...
נישט לאַנג וועט די שלאַנג נאָך פאַר'זוהמאַ'ן די ערד, אונזער מאמע, נישט לאַנג!

נישט לאַנג, ווייל עס דונערט כסדר מטטרונ'ס מרכבה!
אָ, הערט! אַלע טראָנען וועלן זיין איין טראָן,
אַלע לענדער — איין לאַנד!
דער הייליגער נאַפּאָלעאָן
וועט זיין אַזוי הייליג, אַז אַפּזאָגן וועט זיך פאַרשטאַנד

צו באַגרייפֿן די אומשולד פֿון זיינס אַ מחשבה,
און האָר וועט נישט זיין און ניט זיין וועט שוין מער סאַנקילאָט
אונטער זיין סצעפּטער!
זיין געזעצבוך איז ג אָ ט —
און דעם טייוול, דאָס אַנגעבלאָזט־פּוסטע געשטאַפּ, —
אַז זען זאָלן אַלע, אַז ס׳האָט נישט דער טייוול קיין קאָפּ —
קעפּט ער!

דאָס איז די צווייטע העלפט פֿון דעם קאַפּיטל „דער הייליגער נאַפּאָלעאָן”. איך וואָלט געקאָנט ברענגען נאָך פֿילע אַנדערע שטעלן, וואו מיט דער הילף פֿון מאָדערן־אַפּאָקאַליפּטישע זעהונגען, בילדער און לירישע אויסגוסן, ווערט אויפגעדעקט דער זין, דער ליכטיגער זין פֿון דעם טונקעלן כאָאָס, פֿון די חבלי־משיח. אָבער איך וויל דאָ ניט געבן קיין אַנאַליז און גיין אָפּשאַצונג פֿון דער פּאָעמע. איך האָב זי ציטירט נאָר ווי אַ ביישפּיל פֿאַר דער אָפּפרישונג פֿון דער קאַבאַליסטיש־מיטאָלאָגישער מטטרון־געשטאַלט.

דער ביישפּיל ציינט אונז, אגב, אויך דעם גרויסן אונטערשייד, וואָס איז דאָ צווישן דער אַלטער און דער מאָדערניזירטער מיטאָס־דיכטונג. דער פֿאַרצייטיגער מיטאָס־דיכטער איז עפּיש, דער היינטיגער — ליריש. יענער האָט אַלץ, וואָס ער האָט געוואָלט, אויסגעדריקט דורך זיינע געשטאַלטן און זעהונגען, אָן קיין שום פּירושים; דער מאַכט פּירושים. יענער האָט אונז נאָר ג ע ו ו י ז ן זיין וויזיע, ביי דעם איז זי אָן אויסגאַנגס־פּונקט פֿאַר זיינע ליריש־מעטאַפּיזישע רעיונות. דער ליריזם פֿאַרטונקלט, פֿאַרפֿלייצט די מיטישע געשטאַלט, אָבער זי איז דאָך פֿאַראַן!

און זי איז פֿאַראַן, אָט די וויזיאָנערישע, פֿון אַלטן מיטאָס זיך נערנדיגע, פֿאַנטאַזיע, אויך אין אַנדערע אידישע שאַפֿונגען פֿון די לעצטע יאָרן. דערמאָנט זיך אָן דער דראַמאַטישער פּאָעמע „דער גולם” פֿון ה. לייוויק.

אין „דעם גולם” דאַרף מען זוכן לאַנג און שווער די אינוווייניגסטע, אידעאישע גאַנצקייט; דער לעזער דאַרף זי אַליין מיט זיין פֿאַנטאַזיע, מיט זיין מיטשאַפֿנדיגן געדאַנק אַרויסברייננגען אויף דער ליכטיגער שיין, מחמת זי איז טונקל נאָר אָנגעוואונקען. אויך דער קאָמפּאָזיציע פֿון דער פּאָעמע פֿעלט איינהייטלאַכקייט. ערטערווייז דוכט זיך, אַז ס׳איז ניט איין דראַמאַטישע פּאָעמע אַ גאַנצע, נאָר אַ זאַמלונג פֿון מער אָדער ווייניגער גוט צונויפגעבונדענע דראַמאַטישע פֿראַגמענטן. אָבער נישט געקוקט אויף דער אומקלאָרקייט און פֿראַגמענטישקייט פֿון דעם פּלאַן, לויט וועלכן די דראַמע איז געבויט, איז איין זאַך דאָך קלאָר אין איר: עס איז קלאָר, אַז איר מיטלאַלטערלאַכע לופֿט אָטעמט מיט דעם אָטעם פֿון דער היינטיגער צייט, און אַז „דער גולם” געהערט צו די מאָדערנסטע, ניט נאָר סתם אַזוי ווערטפֿולע, שאַפֿונגען פֿון דעם לעצטן פּעריאָד אין דער אידישער ליטעראַטור. און אָט־די, לויט איר תוך, מאָדערנע פּאָעמע שטיצט זיך אויפ׳ן מאַטעריאַל (און צום טייל אויך אויפ׳ן גייסט) פֿון אַלטן מיטאָס. דאָס ליכט און די פֿינסטערניש, דעם גלויבן און דעם יאוש און דעם קאַמף, וואָס קומט פֿאָר צווישן זיי, אין היינטיגע צייטן, אין אָט־די „משיח׳ס צייטן”, פֿאַרקערפּערט לייוויק אין די מיטאָס־געשטאַלטן פֿון דעם מהר״ל, דעם גולם, דעם רואה ואינו נראה, דעם אַלטן און דעם יונגן בעטלער (אליהו און משיח), דעם מאַן מיט׳ן קרייץ, די הייל־רוחות. דורך די וואונדערלאַכע ג ר ו י ס־

מ אַ ס י נ ג ע מיטאָלאָגישע פיגורן האָט דער דיכטער בעסער, ווי דורך טיפן פון „רעאַלן" לעבן, געקאָנט אויפדעקן דאָס גרויסע, דאָס אוניווערסאַלע, דאָס ניט־אַלטעגלאַכע, וואָס ער האָט געוואָלט אויפדעקן אין דער היינטיגער צייט. די באַדערפניש אויסצודריקן זיך מיט דער הילף פון מיטאָס איז אַזוי גרויס ביי אים אין דער דראַמע, אַז אפילו איינע פון אירע געוויינטלאַכע, ניט־לעגענדאַרישע פערזאָנען — ת נ ח ו ם — איז ביי אים שיר ניט אויסגעוואַקסן ביז צו אַ מיטאָלאָגישער געשטאַלט.

לייוויק'ס פּאָעטיש שאַפן האָט, זינט „דעם גולם", זיך בכלל דערנעענט צום טיף פון מיטאָס־דיכטונג. כמעט אין אַלע פּאָעמעס, וואו ער זוכט אַ שליסל צו די רויטע רעטענישן פון לעבן אין שוואַרצע אָפּגרונטן פון טויט, וואָס האָבן זיך געעפנט פאַר אונז אין די לעצטע יאָרן־יאָרהונדערטן, — כמעט אין די אַלע פּאָעמעס און דערהויפּט אין דער ביז איצט נאָך ניט אָפּגעשאַצטער און אפשר אויך ניט פאַרשטאַנענער פּאָעמע „דער וואָלף" — איז דאָ אַן עלעמענט פון מאָדערנעם מיטאָס. אין „גולם" טייטשט ער אויס און באַנייט אַ ל ט ע מיטאָס־געשטאַלטן. אין אַנדערע פּאָעמעס לאָזט ער פריי זיין פאַנטאַזיע, און זי שאַפט נייע מיטאָס־געשטאַלטן אָדער עסקיזן און מאַטעריאַלן פאַר'ן מיטאָס פון דער נייער צייט. די דאָזיגע פּאָעמעס וועל איך פּרובן אויסטייטשן, ווי איך פאַרשטיי זיי, אין אַ באַזונדער אַרטיקל. דאָ האָב איך זיי דערמאָנט נאָר צו ציינן, אַז אין דער נייער אידישער דיכטונג ווערט נישט נאָר אויסגענוצט און איבערגעשאַפן דער אַלטער נוסח פון דעם אידישן מיטאָס, נאָר עס ווערן געמאַכט אויך פּרובן צו שפּינען פעדים און אויסצוטרוימען געוועבן פון אַ נייער מיטאָלאָגיע.

לייוויק'ס פּאָעמען זיינען ניט דער איינציגער רעזולטאַט פון די דאָזיגע פּרובן. עס זיינען דאָ אַנדערע, ניט ווייניגער כאַראַקטעריסטישע, ביישפּילן פון מאָדערנעם מיטאָלאָגישן שאַפן. עס איז דאָ ביי אונז אַ שרייבער, וואָס זיין גאַנץ שאַפן קאָן אָנגערופן ווערן מאָדערנע מיטאָס־שאַפונג: דאָס איז ד ע ר נ ס ת ר. וואָס זיינען דען אַלע זיינע מ ע ש י ו ת, אויב ניט פראַגמענטן פון אַ מאָדערנעם מיטאָס? נעמט אַשטייגער די פאַנטאַסטישע מעשה „אין אַ וויין־קעלער" (געדרוקט אין פאָריגן נומער „דאָס נייע לעבן"), וואָס איז אָנגעקליידט כלומרשט אין אַ רעאַליסטישער פאָרם. איז ניטאָ אין איר די טיפע און ברייטע פאַראַלגעמיינערונג און דער געמיש פון „רעאַליזם" און פאַנטאַסטיק, בילדלאַכקייט און אַבסטראַקטקייט, וואָס איז דאָ אין יעדן מיטאָס? און פילן מיר דען ניט, אַז נאָר מיט דער הילף פון דער מיטאָס־שאַפנדיגער פאַנטאַזיע האָט ער אונז געקאָנט ציינן דאָס בילד, וואָס ער האָט פון דער איצטיגער וועלט?

וואָס האָט ער אונז דען געוואָלט ציינן? אויב איך האָב אים ריכטיג פאַרשטאַנען: — אַז אונזער ערדיש לעבן דאָ איז נאָר אַ פּינטעלע, אַ קליין נאַריש פּינטעלע אויפ'ן קאָסמישן בילד פון די שטערן און מזלות. ד אָ אויף אונזער קליינעם עלנטן פּלאַנעט איז אַ גאַנצע מהומה: — „אויף דער ערד זיינען גרויסע היצן געוואָרן" — — — „און די ערד דאַרף טרינקען — טרינקט זי בלוט פאַר וואַסער, און מענטשן דאַרפן עסן, עסן זיי מענטשן פאַר ברויט און גייסט גייט אין די הייזער און שפּייזט זיך פון אָפּפאַל און שטיקלאַך דאַרע, און מענטשלאַכע זעהערס זיינען מיט אויגן־קראַנקהייט געשלאָגן און געוויסע וועלט־פאַרזאָרגערס אין די שענקען שיכור'ן, א. אז. וו." — עס איז אַן איבערקערעניש! אָבער אין דער אמת'ן נעמט זיך עס נאָר דערפון, וואָס מזל דלי איז דאָרט ערגעץ א ו י ב ן אין די קאָסמישע

ספּערן געווען צוטראָגן, וואָס מזל בתולה גייט צו דער חת...
מיט אים, האָט ער פאַרגעסן געבן דאָס ביסל שפּע דער ערד...
קאַטאַסטראָפע, די וועלט עקט זיך, מאָרד און זעלבסטמאָרד פילט...
זיינען אַריינגעפאַלן אין עצבות, אין יאוש, אָבער דער אמת'ער „ו...
ער איז גאָר פאַרבעטן איצט אויף אַ גרויסע שמחה — „אויף דער חת...
מיט מזל בתולה״: — „און איך בין אַוועקגעגאַנגען, דערציילט דער...
דער וועלט, מיט דעם וועג און באַלד אַרויף זיך גענומען, און באַלד האָב אַ...
פון הימל־גערעדער דרייען זיך געהערט, ווייטע און פרעמדע, און וואָס אין...
קיינמאָל ניט געהערט אַזוינע, און גזאַנגען פון פרעמד־זונען האָב פאַרנומען, ...
זייערע פייער־רעדער האָבן מיר פאַר די אויגן געשווינדלט, און אויך איך האָב
זיך צעזונגען און אויפ'ן וועג מיט נאָך אַזוינע, ווי איך, זיך
באַגעגנט, און אַלע זיינען איינגעלאַדענע, און אַלע אַהין און אין דערהייבנקייט
גייען, און פאַר אַלעמען דער הימל־העלפאַנט גייט און מיט'ן שווערן קאָפּ זיינעם
שאָקלט, און מיט בערג און מיט גוטס און מיט חתן־כלה־מתנות חתן־כלה צו דער־
פרייען״... אַנטקעגן דעם אייביקן קאָסמישן זיווג, אַנטקעגן דער איי־
ביקער פרייד פון דער ספערן־מוזיק איז גאָרנישט און נישט יענעס פּינטעלע רוים
און יענע רגע צייט, וואָס מיר, מענטשן־מענטשעלאַך, מיינען, אַז דאָס איז אונזער לעבן.

אַזאַ מיסטיש־מעטאַפיזישן קוק אויף דער וועלט קאָן מען פאַרקערפּערן נאָר אין
פאַנטאַסטישע וויזיעס, נאָר אין מיטאָס־בילדער. דער נסתר איז אַ מעטאַפיזיקער,
אַ „מקובל״; אין אַלע זיינע ווערק, אַלע מאָל און אומעטום, זוכט ער דאָס, וואָס
איז „העכער פון דער ערד״, ער זוכט אַן ענטפער אויף די אייביקע פראַגן פון „מה
לפנים, מה לאחור, מה למעלה, מה למטה״: דערפאַר איז פאַר אים ווי אָנגעַ־
מאָסטן דער מעטאָד פון מיטאָס־סימבאָליק.

דער מיטאָס און די סימבאָלישע געשטאַלטן וואַקסן ביי אים אַרום מיט אַן אַ
שיעור קאָנקרעטע רעאַליסטיש־פּסיכאָלאָגישע איינצלהייטן, ער פאַרמענטשלאַכט דאָס
איבערמענטשלאַכע, ער פּערסאָניפיצירט דאָס אוניווערסאַלע, ער קליידט אָן אין אַ
שיר ניט נאַטוראַליסטישן קלייד דאָס מעטאַפיזישע: דאָס פאַרשטעלט פון אונז
אָפּט דאָס גרויסע און גאַנצע פון זיין שאַפן, דאָס גיט זיין איראַציאָנאַלן וועזן אַ
ראַציאָנאַליסטישן ביי־טעם, דאָס מאַכט, אַז מיר זאָלן אים זען קריכן איבער דער
ערד, בעת ער פליט גאָר אין די הימלען און פליגלען רוישן איבער אונזער קאָפּ. מיר זע־
הען ניט די פליגלען, מיר הערן ניט זייער געהיימניספולן רוישן. אָבער זיי זיינען פאַראַן.

נסתר וואָלט שטענדיק, נישט נאָר אין אַזאַ פאַנטאַסטישער צייט, ווי די איצטיגע,
געווען נוטה צו וויזיאָנערישקייט און מיטאָס: זיין נאַטור איז אַזאַ. אָבער אויך
אַזוינע דיכטער, וואָס בטבע זיינען זיי ניט קיין מעטאַפיזיקער און ניט קיין פאַנ־
טאַסטן, זיינען געוואָרן וויזיאָנערן און מיטאָס־זוכער, ווען זיי האָבן געוואָלט באַ־
צווינגען און אַזוי אָדער אַנדערש באַלייכטן דעם טונקעלן כאַאָס פון אונזער איצ־
טיקער צייט. אַ ביישפּיל דערצו איז די פּאָעמע „אַ נאַכט״, פון מ. ל. האַלפּערן.
די פּאָעמע, אינגאַנצן גענומען, איז אַ געמיש פון פאַרשיידענע, סטיליסטישע און
פּסיכאָלאָגישע, עלעמענטן. דער דאָמינירנדיגער עלעמענט אָבער איז — דער מי־
טישער. וואָס איז דען דאָס מענטשעלע, וואָס פאַרנעמט דעם
אויבנאָן אין דעם ווערק, אויב ניט קיין טראַגישער גראָטעסק, אָדער, אויב איר ווילט,
טראַגישע פּאַראָדיע פון אַ מיטאָס? איראָניע און מיטאָס איז ניט קיין פּאָר.
מ. ל. האַלפּערן איז אָבער אַ סאַטיריקער, נישט נאָר אַ ליריקער, און סאַטיריקער

(זע היינע!) האָבן ליב צונויפצופּאָרן זאכן, וואָס שטימען ניט צווישן זיך. האָט האַלפּערן געמאכט אַ פּרוב אין דער פּאָעמע „אַ נאַכט" צו שאַפן אַזאַ מין אומגעריכטע זאַך, ווג אירצָנישער אָדער גראָטעסקער מיטאָס. דאָס צייגט, ווי אומפארמיידלאַך עס איז פאר דער מאָדערנער דיכטונג די מיטאָס־פּאָרם, אַז אַפילו די בורלעסקע סאַטירע האָט זיך נישט געקאָנט באַגיין אָן איר, ווען זי האָט געוואָלט אָנכאַפּן עפּעס גאַנצעס און גרויסעס. אגב, אין „אַ נאַכט" זיינען דאָ איינציגע מיטאָס־עלעמענטן, וואָס זיינען ניט איראָניש, נאָר ליריש־פּאַטעטיש; צום ביישפּיל:

— — — — — — — — — — — — — — — — —

און אַז איך האָב מיין לעצט געשריי
ארויסגעקרכצט דורך ציין־געקריץ —
האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ בליין
און דורכגעהאקט די ערד אויף צוויי.

און אויף אַ פערד, דורך פלאַם און רויך,
אויף הענט און פיס מיט שטיקער קייט,
איז איינער אין אַ ווייסן קלייד
ארונטער פון דער העכסטער הייך.

און שרייענדיג, און ווי דער ווינט,
איז ער אַראָפּ אין טיפן תהום,
זיך טרינקענדיג אין בלוט אַ שטראָם,
מיט מענטש און מויז, און הינט, און קינד.

און ברענענדיג האָט ברעג נאָך ברעג
זיך אָפּגעריסן נאָכאַנאַנד.
און דאָרף און שטאָט און לאַנד נאָך לאַנד
איז מיט'ן רויטן שטראָם אַוועק.

מיטאָס־שאַפונג זיינען אויך די דראַמאַטישע פּאָעמעס „משיח בן יוסף" או„דאָס רויטע קינד" פון דעם אַזוי יונג אומגעקומענעם דיכטער ביינוש שטיינמאַן. אויסערלאַך זיינען די ביידע פּאָעמעס היסטאָריש־לעגענדאַריש; לויט זייער תוך אָבער, ווי אויך לויט דעם קאָלעקטיוון אומפּערזענלאכן כאַראַקטער פון זייערע אַנטיילנעמער, זיינען זיי טיף מאָדערן, און זיי זיינען טיפּישע פּראָדוקטן פון אונזער מאָדערנעם מיטאָס, נישט געקוקט אויף די אַלטע טראַדיציאָנעלע נעמען (לילית, משיח, נביא) פון איינינע זייערע אנטיילנעמער.

און וואָס איז דען „דער טויטער מענטש" פון שלום אַש, אויב ניט קיין מיטאָס־דינג, אריינגעפלאָכטן אין רעכטן מיטן קייט פון אונזער אַלטעגלאַכקייט?

ליידער, קאָן איך זיך ניט אָפּשטעלן דאָ אויספירלאַך אויף די דאָזיגע אַלע מיטאָלאָגישע אָדער האַלב־מיטאָלאָגישע דראַמעס. איך וויל נאָר צום סוף דערמאָנען, אַז אויך דער מאָדערנער ראָמאַן, און אַפילו דער רעאַליסטישסטער, איז ניט פריי פון מיטאָס־עלעמענטן.

דבורה, אין סוף פון אַש'ס „קדוש השם", הערט אויף צו זיין אַ געוויינטלאַכע פרוי און ווערט אַזוי ווי אַן איבערערדיש וועזן: „ריר מיך ניט אָן,

זאָגט זי, איך בין פייער, וועסט דיך אָנצינדן אָן מיר. איך בין אַ ליכט, וועסט דיך אָפּבריען!"

מ י ר ל, אין בערגעלסאָנ'ס „נאָך אַלעמען", וואָס איז דאָך אַזוי רעאַליסטיש, ווערט אויך — אויף אַ רגע — איינמאָל וויזיאָנעריש און זי זעט — „אַז פון דאָרט, פון רויטן עק הימל, קוקט צו איר אַרויס אַ צווייטע, פייערדיגע מירל און ווינקט צו איר פון דער ווייט: קיינער, ווינקט זי צו איר, ווייס ניט, צוליב וואָס ס'בלאָנדזשעט אַרום מירל הורוויץ. און איך, מירל, וואָס איך ברען אין פייערדיגן עק הימל אויפ'ן האָריזאָנט — כ'האָב שוין אַמאָל אויך אַרומגעבלאָנדזשעט און האָב אויך ניט געוואוסט, צוליב וואָס"... די רעאַלע ערדישע מירל דערהייבט זיך מיט אַמאָל ביז צו דער מדרגה פון עפּעס אַן אייביגער, אין פייערדיגן עק הימל ברענענדיגער, געשטאַלט. אין דעם נייעם ראָמאַן פון דוד בערגעלסאָן — „אָפּגאַנג" — איז אויך דאָ אַ מיטאָס־פּאָדים, וואָס וועבט זיך אַריין אין דעם רעאַליסטישן געוועב: דאָס איז די געשטאַלט פון דעם געשטאָרבענעם מ ל ך. „מלך, זאָגט זיין חבר (זיין שאָטן, זיין צווייט איך?) חיים משה — מלך האָט דוקא איצט נאָכ'ן טויט באַקומען מער וואָג — מלך מיט זיין שעמעוודיגן, ווייך־שמייכלדיגן פּנים..." און ער פירט מיט אים געשפּרעכן, ווי מיט אַ לעבעדיגן. און אַז ער פרעגט ביי אים: „און ווער איז אייביג?" — ענטפערט ער: „אייביג בין איך, דער געשטאָרבענער מלך"... זיין ניט רעאַלע געשטאַלט שוועבט, ווי אַ שיינענדיגער שאָטן, איבער'ן גאַנצן ראָמאַן.

אפילו ביי אַזאַ ניט־ראָמאַנטישן, כמעט אַנטי־ראָמאַנטישן האַרט אויפ'ן באָדן פון פאַקטן שטייענדיגן שרייבער, ווי י. אָפּאָטאָשו, ווערט דער העלד פון „אין פּוילישע וועלדער", מרדכי צום סוף ענלאָך אויף אַ וויזיאָנער, אויף אַ וויזיע: „. . דער מוח האָט זיך ביי מרדכי'ן געצונדן. ער האָט געזען ווי אַרום אים פלאַקערט אויף אַ פייער, ווערט גרעסער, כאַפּט אַרום איין געביידע נאָך דער צווייטער. נאַקעטע מענטשן באַווייזן זיך דאָ און דאָרט, ציטערן פון קעלט, קענען זיך ניט דערוואַרמען אָן אייגענעם פייער, און דאָס פייער, ווי אַ שיטערע מאַסע, גיסט זיך פאַנאַנדער, ווי אַ טייך קאָכט. די מענטשן ראַנגלען זיך, קלעטערן איינער איבער'ן צווייטן, ווילן אַרויס און אינמיטן טייך שטייט אַן איינגעבויגענער צלם, ווי אַן אַלטע דאַמבע, מאַכט טיפער ס'פייער, לאָזט קיינעם נישט אַרויס, שטייט, ווי גבריאל'ס שטאָק־רער אינמיטן ים. דאָרט איז בלויז רוים אויסגעבויט געוואָרן, און דאָ — אַ וועלט, אַ גאַנצע וועלט, וואָס דאַרף חרוב ווערן. דער מוח ביי מרדכי'ן האָט געבליצט, געזעהן, ווי אַ בנין נאָך אַ בנין פאַלט איין, אַ געביידע נאָך אַ געביידע קראַכט, און איבער די חורבות שטייט אַ א י ד, שטייט ע ר, רופט צו זיך די דערשלאָגענע, די הונגעריגע, די געפּייניגטע, רייסט די שלוזן, ברעכט די דאַמבן, פאַרפלייצט די ערד, מאַכט אַלץ חרוב, דער מענטש, אַ נאַקעטער, אַ נייגעבאָרענער, זאָל ווייטער קאָנען שפּינען גאָטס פּאָדעם, דעם אידישן פּאָדעם, וואָס איז נאָך נישט איבערגעריסן געוואָרן"... דאָס איז, פאַרשטייט זיך, נאָר אַ וואונק אויף אַ מיטאָס־וויזיע, אָבער אַ וואונק איז עס אַן איבעראַשענדיגער אין אַזאַ טיפּיש־רעאַליסטישן ראָמאַן, ווי „אין פּוילישע וועלדער". דאָס ציינט, אַז ווי נאָר פאַר'ן היינטיגן קינסטלער שטייט־אויף, ווען אפילו נאָר עפּיזאָדיש, דאָס ריזיג־גראַנדיעזע בילד פון אַ וועלט־חורבן און אַ וועלטגעבורט, אַזוי ווערט אים גלייך ענג די לופט פון רעאַליסטישער פּסיכאָלאָגיע און פּסיכאָלאָגישן רעאַליזם. ער מוז זיך אויפהייבן ה ע כ ע ר און פריי שוועבן אין אַ וועלט פון וויזיעס.